סטעמפּעניו, רחל'ע און פֿריידעל — דאָס זענען מײַנע פּאַרשוינען די מיוחסים, וואָס זיצען אויבען־אָן אין בויד, און די אַלע איבעריגע זענען שוין גלאַט אַזוי זייטיגע פּאַרשוינען, וואָס חאַפּען זיך איבער, ווי עס איז, זיצען תמיד אַקעגען. דערפֿאַר בין איך אָפּגעקומען די איבעריגע חברה מיט אַ צוויי־דריי ווערטער, און מײַן גאַנצע האָרע־וואַניע האָב איך אַוועקגעגעבען יענע דריי מיוחסים.

איך מיין, אַז אידישע מוזיקאַנטען, דאָס הייסט, אונזערע חברה כלי־זמר, זענען פֿאַר זיך גאָר אַ בעזונדערע וועלט, און ס'איז כדאַי אַריינצוקוקען אין זייער לעבען אַריין פֿיעל טיעפֿער, אַלס איך האָב עס געטהאָן אינ'ם דאָזיגען ראָמאַן. מע בעדאַרף דערצו האָבען אייער אויג, זיידע לעבען, אייער פֿעדער מיט אייער התמדה.

אַך, וואו נעמט מען התמדה, ישוב־הדעת? געדולד וואו נעמט מען?

„איבער אַ ווערק — זאָגט איהר מיר אין איין אַנדערען בריעף — איבער אַ ווערק, ליעב אייניקעל, בעדאַרף מען שוויצען, מען בעדאַרף אַרבייטען, פֿיילען איטליכס וואָרט; געדענקט, וואָס איך זאָג אייך — פֿיילען, פֿיילען!"

פֿיילען! אָט דאָס איז טאַקי די צרה מיט אונז, יונגוואַרג, וואָס מיר האָבען קיינמאָל קיין צייט ניט און חאַפּען־אָפּ דאָס גאַנצע ווערק, שטעהענדיג, ווי מע זאָגט, על רגל אחת, טאַקי אין איין אָטהעם, נישט אָפּגעשטעלט זיך אויף יעדען געדאַנק, אויף יעדען וואָרט בעזונדער, צו אַרבייטען און פֿיילען, ווי איהר טהוט. איך וויים, ליעבער זיידע, איך פֿיהל עס, ווי נויטיג עס איז געווען איבערצולייטערן „סטעמפּעניו'ן" אין עטליכע וואַסערען. אודאי ביי אייך וואָלט סטעמפּעניו בעקומען גאָר איין אַנדער פּנים; פֿון אייערע הענד וואָלט ער אַרויס אַנדערש, גאָר אַנדערש; ביי אייך, זיידעניו, וואָלט שוין דאָ געווען אַ „מעשה איבער אַ מעשה", אַ „מעשה אין אַ מעשה" און „די מעשה אַליין".

„איך האָב ליעב, — זאָגט איהר ווידער אין אַ בריעף — אַז חוץ דעם שענעם פּנים'על זאָל אין אַ קאַרטינקע אויך זיין לעבען, שכל און געדאַנק, ווי אין אַ לעבעדיגען מענשען; אַ קאַרטינקע בעדאַרף, חוץ שענע מליצה, אויך מיך לאָזען עפּים הערען"...

אָט דער סוד איז אָבער אַנטפּלעקט נאָר אייך אַליין און ווייטער קיינעם ניט; בעשאַפֿען בילדער, וואָס זאָלען האָבען אין זיך צוויי געשטאַלטען, אַ רעכטע זייט מיט אַ לינקער זייט, איין אויבערציינ מיט איין אונטערשלאַג, אַזוי אַז אינ'ם אָפּענעם זאָל ליגען בעהאַל־טען אַ פֿערבאָרגענעס, אַ תוך־זאַך — דערויף, זיידע לעבען, זענט איהר נאָר אַליין דער איינציגער קינסטלער אין אונזער ליטעראַטור, און ווער קאָן זיך צו אייך גלייכען? מיר, יונגוואַרג, דאַנקען גאָט, ווען די מעשה אַליין קומט ביי אונז אַרויס בשלום, אָהן אַ מום, מיט אַלע אברים פֿון אַ ליטעראַריש בעשעפּעניש.

נעמט זשע אויף, ליעבהאַרציגער זיידע לעבען, די מתנה — מײַן ערשטען אידישען ראָמאַן, ויהי רצון, און ס'זאָל זיין דער גוטער ווילען פֿון זיין ליעבען נאָמען, אַז מײַן סטעמפּעניו זאָל געפֿינען לייטזעליגקייט אין אייערע אויגען, און איהר זאָלט האָבען נחת, ווי איהר ווינשט זיך אַליין, פֿון אייער איבערגעבענעם אייניקעל

דעם מחבר.

קיעוו, 1886.

Легко сказать — шлифовать! В том-то и беда, что мы, писательская молодежь, вечно торопимся, что мы норовим закончить начатое произведение, как говорится, «стоя на одной ноге», не переводя дыхания, не вдумываясь в каждый образ, не обрабатывая и не шлифуя каждое слово так, как это делаете Вы.

Я знаю, милый дедушка, я чувствую, что моего «Стемпеню» надо было бы перемыть в нескольких водах прежде, чем пустить в свет божий. Конечно, из-под Вашего пера, дедушка, «Стемпеню» вышел бы совершенно иным: Ваш «Стемпеню» имел бы совсем другой облик. У Вас, дедушка, получился бы рассказ в рассказе, да сверх рассказа рассказ, а потом уже и сам рассказ.

«Мне мало того, — говорите Вы в одном из своих писем, — что на картине изображено хорошенькое личико; хочется еще жизненной правды, ума, мысли, как у живого человека. Всякая картина, помимо блесток стиля, *должна дать что-нибудь уму и сердцу*».

Но эта тайна, увы, открыта только Вам. Создать картину, которая имела бы два лица — лицевую сторону и изнанку, верх и подкладку, видимый образ и его скрытую сущность, — на это только Вы, дедушка, способны, и никто другой в нашей литературе. Кто посмеет сравнивать себя с Вами? Мы, молодежь, считаем себя удовлетворенными, если произведение выходит из наших рук хотя бы нескалеченным, с живыми чертами литературного творения.

Примите же, милый, дорогой дедушка, мой скромный дар — мой первый роман. Да будет воля того, чье имя свято, чтобы Вы приняли моего «Стемпеню» со всей благосклонностью и чтобы он доставил Вам удовольствие, как Вы сами того желаете.

Ваш преданный внук,

*Автор.*

*Киев, 1886*